Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

ניסן תשס״ו/אַפּריל 2006

יאָר 11, נומער 4 (54)

## בעל־מלאָכות[1] און פּויערים[2] אינעם ייִדישלאַנד

### אַן אויסשטעלונג[3] אין פּאַריזער קונסט־ און געשיכטע־מוזיי

### (פֿון 9טן פֿעברואַר ביז 21סטן מײַ 2006)

*ווער זאָגט, אַז ייִדן קאָנען נאָר האַנדלען,*
*עסן פֿעטע יויך מיט מאַנדלען[4],*
*נאָר ניט זײַן קיין אַרבעטסמאַן ?*
*דאָס קאָנען זאָגן נאָר די שׂונאים[5],*
*ייִדן, שפּײַט זיי אָן אין פּנים[6],*
*טוט אַ קוק אויף דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.*

(פֿראַגמענט פֿונעם ליד „דזשאַנקאָיע“, וועגן אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער[7] קאָלאָניע אין קרים[8])




דער קאַטאַלאָג פֿון דער אויסשטעלונג © D. R.

נישט אָפֿט קומט אויס צו זען בילדער פֿון ייִדישע פּויערים, און ניט דווקא[9] די פֿון ארץ־ישׂראל[10], נאָר פֿון מיזרח[11]־אייראָפּע. אינעם ייִדישן קונסט־ און געשיכטע־מוזיי פֿון פּאַריז האָט מען איצט אַ געלעגנהייט צו באַוווּנדערן[12] אַ גאַנצע זאַמלונג פּרעכטיקע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס ווײַזן ייִדישע ערד־אַרבעטער און בעל־מלאָכות פֿון פּוילן, ראַטן־פֿאַרבאַנד[13], ליטע[14], לעטלאַנד[15] און רומעניע. מע האָט זיי אַראָפּגענומען אין ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס און פֿאַכשולן[16], געשאַפֿענע דורך דעם „אָרט“[17] – די געזעלשאַפֿט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ערדאַרבעט, מלאָכה[18] און טעכנישער אַרבעט צווישן ייִדן. „אָרט“ איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין צאַרישן רוסלאַנד, אין 1880, דורך ייִדישע פֿילאַנטראָפּן און כּלל־טוער[19] : ניקאָלײַ באַקסט, שמואל[20] פּאָליאַקאָוו און באַראָן האָראַץ גינזבורג. דער ציל איז געווען צו „פּראָדוקטיוויזירן“ די אָרעמע ייִדישע מאַסן, זיי געבן אַרבעט און אויסבילדונג. די געזעלשאַפֿט איז געוואָרן באַזונדערש אַקטיוו אין די צוואַנציקער יאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווי אויך אין פּוילן און אַנדערע אַרומיקע לענדער. פֿון דער צײַט שטאַמט די זאַמלונג פֿון 250 פֿאָטאָגראַפֿיעס אויף גלעזערנע פּלאַטעס, וואָס אַ 60 פֿון זיי ווערט איצט אויסגעשטעלט אינעם ייִדישן מוזיי. דאָס רובֿ[21] בילדער האָבן אונטערשריפֿטן אויף ייִדיש. מע זעט אויף זיי ייִדישע פֿרויען און מענער בײַ די מאַשינען אין סטאָלערײַ[22]־ צי מעטאַלורגיע־וואַרשטאַטן, אויף טראַקטאָרן און מאָטאָריזירטע דרעשמאַשינען[23] אין פֿעלד, צי בײַ אַ שבתדיקן[24] טיש מיט ווײַן און ווײַנטרויבן פֿון אייגענעם גאָרטן.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט סטאַלין ביסלעכווײַז[25] ליקווידירט דעם „אָרט“ אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. די אַקטיוויטעטן פֿון דער געזעלשאַפֿט זענען אָבער ווײַטער אָנגעגאַנגען אין פּוילן און אויך אין די אימיגראַציע־לענדער, ווי פֿראַנקרײַך. אין פּאַריז און אויף דער פּראָווינץ האָט „אָרט“ געגרינדעט אַ נעץ שולן, וואָס אַ פּאָר פֿון זיי עקזיסטירן ביז הײַנט צו טאָג.

צו דער אויסשטעלונג האָט מען אַרויסגעגעבן אַ קאַטאַלאָג אויף דרײַ שפּראַכן – פֿראַנצייזיש, ענגליש און ייִדיש.

1. BAL-MELOKHES artisans 2. paysans/peasants 3. exposition/exhibition 4. bouillon avec des petites pâtes/broth with little noodles 5. SONIM ennemis/enemies 6. PONEM visage/face 7. agricole/agricultural 8. Crimée/Crimea 9. DAVKE précisément/just 10. ERETS-YISROEL Terre d'Israël/land of Israel 11. MIZREKh de l'Est/Eastern 12. admirer/admire 13. Union soviétique/Soviet Union 14. Lituanie/Lithuania 15. Lettonie/Latvia 16. écoles professionnelles/trade schools 17. O.R.T. 18. MELOKHE artisanat/crafts 19. KLAL... dirigeants communautaires/community leaders 20. ShMUEL 21. ... ROV la majorité 22. menuiserie/carpentry 23. batteuses/threshing machines 24. ShA'BESDIKN de shabbat/Sabbath 25. peu à peu/gradually.

# „לעבן ? אָדער טעאַטער ?“

פֿון שלמה[1] זילבערמאַן

פֿון 1טן פֿעברואַר ביז 21סטן מײַ קען מען באַקוקן אינעם פּאַריזער ייִדישן קונסט־ און געשיכטע־מוזיי די אויסשטעלונג[2] פֿון שאַרלאָטע סאַלאָמאָן (1917–1943), אַ ייִדישע מאָלערין פֿון דײַטשלאַנד, מיטן טיטל „לעבן ? אָדער טעאַטער ?“. ס'איז אַן אויסקלײַב פֿון איבער 200 גואַשן (פֿון אַ ציקל פֿון 769) וואָס שטעלן פֿאָר דאָס לעבן פֿון שאַרלאָטע און איר משפּחה[3]. דאָס ווערק, וואָס באַשטייט פֿון בילדער, קאָמענטאַרן אויף דורכזיכטיקע קאַלקעס[4] און מוזיק, האָט זי געמאַכט במשך[5] פֿון 18 חדשים[6] צווישן 1940 און 1943. קורץ פֿאַר איר פֿאַרשיקונג[7] קיין אוישוויץ האָט זי עס איבערגעגעבן אַ פֿרײַנד מיט די ווערטער : „היט עס גוט – ס'איז מײַן גאַנץ לעבן“.






אויטאָפּאָרטרעט פֿון שאַרלאָטע סאַלאָמאָן

© D. R.

איך בין געגאַנגען אינעם ייִדישן קונסט־ און געשיכטע־מוזיי באַזוכן די אויסשטעלונג פֿון דעם ווערק פֿון שאַרלאָטע סאַלאָמאָן. איר ווערק האָט זי אַליין אָנגערופֿן „לעבן ? אָדער טעאַטער ? – אַ זינגשפּיל[8]“. די אויסשטעלונג איז זייער אַ רירנדיקע[9] צוליב דרײַ סיבות[10] : די שטימונג פֿון זעלבסטמאָרד וואָס האָט אַרומגערינגלט שאַרלאָטע סאַלאָמאָן איר גאַנץ קורץ לעבן ; דאָס געפֿיל פֿון סכּנה[11] וואָס האָט זי געצוווּנגען צו שאַפֿן איר ווערק אין אַ גרויס אײַלעניש[12] ; דער דראַמאַטישער מצבֿ[13] פֿון דײַטשישע ייִדן פֿון די דרײַסיקער יאָרן אָן.

שאַרלאָטע סאַלאָמאָן איז אויפֿגעוואַקסן אין אַ רײַכער היים אין בערלין. די משפּחה איז געווען אַזוי ווײַט אַסימילירט אַז זיי האָבן געמיינט זיי וועלן קענען בלײַבן אין דײַטשלאַנד אַפֿילו[14] אונטער דעם נאַצישן רעזשים. ערשט אין נײַן און דרײַסיקסטן יאָר האָט די משפּחה געשיקט שאַרלאָטע צו די באָבע־זיידע אין דרום[15]־פֿראַנקרײַך. שאַרלאָטעס גאַנץ לעבן איז אַ געראַנגל[16] צווישן עראָס און טאַנאַטאָס. איר מאַמע, באָבע און אַ מומע האָבן זיך גענומען דאָס לעבן, און דאָס האָט אויף איר שטאַרק געווירקט. פּונקט ווען עס האָט זיך געדאַכט אַז די לעבנס־כּוחות[17] וועלן זיגן, ווען שאַרלאָטע סאַלאָמאָן האָט חתונה געהאַט[18], איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן[19] און האָט פֿאַרענדיקט אַ וויכטיק ווערק, האָט דער טויט זי דעריאָגט[20] – מע האָט זיי אַרעסטירט מיטן מאַן, פֿאַרשיקט אין אוישוויץ און אומגעבראַכט[21]. זי איז דעמאָלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט.

איר שאַפֿונג באַשטייט פֿון צוויי עלעמענטן : ס'איז אי אַן אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ יונג מיידל, אי אַ באַשרײַבונג פֿון דער שטורעמדיקער תּקופֿה[22] אין וועלכער זי לעבט.

ווי אַזוי זעט אויס איר ווערק ? ס'איז אַ סעריע גואַשן, אַלע פֿונעם זעלבן פֿאָרמאַט. יעדער בילד שילדערט[23] אַ געוויסע געשעעניש, און אויפֿן בילד זענען דאָ קאָמענטאַרן און אויפֿקלערונגען אויף דײַטש. די קאָלירן זענען זייער פּשוטע[24], דער סטיל עפּעס ווי נאַיִוו – נאָר האָט ניט קיין טעות[25], שאַרלאָטע סאַלאָמאָן איז נישט געווען קיין אַמאַטאָרין, זי האָט זיך געלערנט מאָלערײַ, און דאָס דאָזיקע כּלומרשטע פּשטות[26] און נאַיִוקייט פּאַסט ווונדערבאַר צום ענין[27] : אַ יונג מיידל וואָס ווערט אַרײַנגעשלעפּט אין אַן אַכזריותדיקן[28] שטורעם פֿון לעבן און מאָרד. די בילדער ווערן באַגלייט מיט לידער און מוזיק וואָס שאַרלאָטע סאַלאָמאָן האָט אַליין אויסגעקליבן. אויף דער אויסשטעלונג איז דאָ לײַדער[29] נאָר דרײַ ערטער ווו מען קען זיך צוהערן צו דער מוזיק און ס'איז דאָ אַלע מאָל אַ גרויסער עולם[30].

דאָס דאָזיקע ווערק איז אַ שטאַרקע קינסטלערישע דערגרייכונג[31]. ס'איז אויך אַ וויכטיקע עדותשאַפֿט[32] וועגן חורבן[33], אויף דער זעלבער מדרגה[34] ווי אַנאַ פֿראַנקס טאָגבוך[35]. ס'איז נייטיק און כּדאַי[36] עס צו זען ווײַל ס'איז געווען אַ לעבן און לײַדער נישט קיין טעאַטער.



1. shloyme 2. exposition/exhibition 3. mishpokhe famille/family 4. calques/transparencies 5. bemeshekh pendant/during 6. khadoshim mois/months, *sing.* חודש khoydesh 7. déportation 8. pièce de théâtre chantée/song drama 9. émouvant/moving 10. sibes raisons/reasons 11. sakone danger 12. hâte/haste 13. matsev situation 14. afile même/even 15. dorem sud/southern 16. lutte/struggle 17. ... koykhes forces de vie/forces of life 18. s'est mariée/got married 19. était enceinte/was pregnant 20. rattrapée/caught up with her 21. assassinés/killed 22. tkufe époque/epoch 23. dépeint/depicts 24. po'shete simples/simple 25. ... toes ne vous y trompez pas/make no mistake 26. klo'ymershte pashtes simplicité apparente/apparent simplicity 27. inyen sujet/matter 28. akhzo'ryesdikn brutal 29. malheureusement/unfortunately 30. oylem public 31. réalisation/achievement 32. eydesshaft témoignage/testimony 33. khurbm Shoah 34. madreyge niveau/level 35. journal d'Anne Frank/diary of Anne Frank 36. keda'y vaut la peine/worthwhile.

# „איין שיין מעשה־בוך“[1]

**אַ ייִדיש בוך וואָס איז שוין איבער 400 יאָר אַ „בעסט־סעלער“ ווערט איבערגעזעצט אויף פֿראַנצייזיש און אויפֿגעפֿירט[2] אויף אַ פּאַריזער בינע[3].**




פֿאַראַן אַזעלכע ביכער וואָס אין זיי איז דאָ אַ כּישוף[4] : צווישן זיי דאָס *מעשׂה־בוך* , אַ באַנד מיט 257 מעשׂיות[5] אין אַלט־ייִדיש דערשינען אין באַזל[6] (שווייץ) אין 1602. קורץ נאָך דעם ווי מען האָט עס ווידער אַ מאָל אָפּגעדרוקט, לעבט עס איבער אַ נײַעם גילגול[7]... אויף אַ בינע : דעם 15טן מאַרץ אינעם טעאַטער La Vieille Grille האָט די טרופּע Réminiscences באַלעבט אויסגעקליבענע מעשׂיות מיט איידלקייט און שטיפֿערישקייט[8]. ס׳זעט אויס ווי די מעשׂיות וואָלטן געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דער פֿאַרגליווערטער[9] פֿאָרעם פֿון אַ בוך, כּדי[10] צוריק צו ווערן די לעבעדיקע, ריִרעוודיקע בעל־פּה[11]-דערציילונגען וואָס אַ מאָל. ביי אַ געפּאַקטן זאַל האָבן דרײַ אַקטיאָרן פֿאָרגעלייענט און פֿאָרגעשטעלט די מעשׂיות אין דער איבערזעצונג פֿון אַסטריד שטאַרק[12].

דער פֿולער טעקסט איז אַרויס אין 2005 אינעם פֿאַרלאַג שוואַבע[13] (אויך אין באַזל !) אין אַ צווייִשפּראַכיקער אויסגאַבע[14]. אַסטריד שטאַרק, די אַרויסגעבערין[15], האָט אויפֿגעטאָן אַ פּרעכטיקע[16] אַרבעט : נאָך אַ פֿאַרכאַפּנדיקן אַרײַנפֿיר[17] קומט די איבערזעצונג גופֿא[18], מיטן ייִדישן טעקסט אין פֿאַקסימילע קעגן איבער. די שיינע אַלטע אותיות[19] זענען דאָ נישט נאָר ווי אַ באַפּוצונג[20] – אַ דאַנק דעם אַלף־בית[21] וואָס קומט מיטן בוך קען מען זיי לייענען.

די מעשׂיות פֿון דער זאַמלונג שטאַמען פֿון דרײַ מקורים[22] : תּלמודישע אַגדות[23], מיטל־עלטערישע[24] מעשׂיות וועגן דײַטשע רבנים[25] און אינטערנאַציאָנאַלע לעגענדעס. מײַנסטנס קומען זיי פֿאָר אין אייראָפּעיִשע שטעט און שטעטלעך. די העלדן זענען פֿרויען צי מענער, ייִדן צי גויים[26], רײַכע צי אָרעמע־לײַט, פֿרומע מענטשן צי אַפּיקורסים[27]. צווישן די הויפּטטעמעס זײַנען דאָ : אמונה[28], צדקה[29], באַלוינונג[30] און שטראָף, מיצוות[31] און עבֿירות[32]. טייל פֿון די מעשׂיות זענען נאַיִוו און פּשוט[33], טייל ווײַזן אַ גאָר שטאַרקן ליטעראַרישן כּוח[34], אַ חוש[35] פֿאַר דראַמאַטישער שפּאַנונג[36], הומאָר און אויך פּאָעזיע, און אַלע זענען חנעוודיק[37]. זיי זענען געשריבן געוואָרן אין ייִדיש, כּדי צו באַלערנען אַ פּראָסטן עולם[38] (דער עיקר[39] פֿרויען) וואָס האָט ניט געקענט קיין לשון־קודש[40].

אויב די ייִדישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט דרײַ אָבֿות[41] איז דאָס *מעשׂה־בוך* די מאַמע פֿון די ייִדישע ביכער, אַן אוצר[42] פֿון וועלכן מען האָט אַ סך געשעפּט[43]. אין אים דערקענט מען דעם איבערגאַנג פֿון אַ בעל־פּה־נאַראַציע צום געשריבענעם טעקסט, ווײַל די איבערזעצונג היט אָפּ[44] דעם טעם[45] פֿון אַ ווערק וואָס איז פֿאַרבײַיִק[46], ווו אַלץ איז נאָך אָפֿן. און דאָ ליגט דער כּישוף : עס בלײַבט אַן אָרט פֿאַר דיבוקים[47] און מען הערט אַלע שטימען פֿון די מענטשן וואָס פֿלעגן אַ מאָל אָדער דערציילן, ווען דאָס בוך האָט נאָך נישט עקזיסטירט, אָדער לייענען אויף אַ קול[48], פֿאַרוואַנדלענדיק[49] די מעשׂיות לויט זייער געמיט, און אויך די שטימען פֿון די צוהערער.

עס דערגייט צו אונדז, אינעם פּראָלאָג, אַפֿילו[50] דאָס קול פֿונעם מוכר־ספֿרים[51] ווען ער דעקלאַמירט אויפֿן יריד[52] אַ רעקלאַמע[53] פֿאַר זײַן בוך : „קומט הער, איר ליבען מאַנען און פֿרויען און טוט דאָס שיין מעשׂה־בוך אָנשויען“[54] . און דאָס בוך איז טאַקע אַ כּישוף־לאַמטערן[55] דורך וועלכן עס ווײַזן זיך צוקונפֿטיקע בילדער : דער באָבעס שבתדיקע[56] מעשׂיות צום אייניקל, און אויך די שאַפֿונגען פֿון פּרץ[57] צי באַשעוויס[58].

צו אַזאַ וווּנדערבוך איז אַסטריד שטאַרקס אַרײַנפֿיר אַ ראַציאָנעלער, קלאָרער און נייטיקער צוגאָב : מיר דערוויסן זיך די געשיכטע, דעם סאָציאָלאָגישן און געזעלשאַפֿטלעכן קאָנטעקסט, און די סטרוקטור פֿונעם בוך. אַזוי ווערט אונדז זייער נאָענט אָט די צײַט, וואָס די פּאַריזער פֿאָרשטעלונג האָט ווידער אַ מאָל אַזוי שיין באַלעבט.

1. ... MAYSE-... "Un beau livre d'histoires", titre du livre en yiddish ancien/"A lovely story book", title in Old Yiddish 2. produit/produced 3. scène/stage 4. KISHEF magie/magic 5. MAYSES histoires/stories 6. Bâle/Basel 7. GILGL réincarnation 8. espièglerie/mischief 9. figé/frozen 10. KEDE'Y afin de/in order to 11. BAL-PE' oral 12. Astrid Starck 13. Éditions Schwabe 14. édition 15. éditrice/editor (fem.) 16. superbe/splendid 17. introduction captivante/fascinating introduction 18. GUFE proprement dite/itself 19. OYSYES lettres/letters 20. décoration 21. ALEF-BEYS alphabet 22. MEKOYRIM sources 23. TALMUDISHE AGODES légendes talmudiques/Talmudic legends 24. moyenâgeux/medieval 25. RABONIM rabbins/rabbis 26. GOYIM non-Juifs/gentiles 27. APIKORSIM mécréants/non-believers 28. EMUNE foi/faith 29. TSDOKE charité/charity 30. récompense/reward 31. MITSVES bonnes actions/good deeds 32. AVEYRES péchés/sins 33. POSHET simple 34. KOYEKH force/strength 35. KHUSH sens/sense 36. tension 37. KHE'YNEVDIK pleins de charme/full of charm 38. OYLEM public 39. ... IKER surtout/mainly 40. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew 41. OVES patriarches/patriarchs 42. OYTSER trésor/treasure 43. puisé/derived 44. préserve/preserves 45. TAM saveur/savor 46. mouvant/transitory 47. DIBUKIM esprits/spirits 48. ... KOL à haute voix/aloud 49. en transformant/transforming 50. AFILE même/even 51. MOYKHER-SFORIM vendeur de livres/bookseller 52. YARI'D foire/fair 53. publicité/advertisement 54. “Approchez, messieurs et mesdames, venez voir ce beau livre d'histoires”/“Come near, dear gentlemen and ladies, and see this lovely story-book” 55. lanterne magique/magic lantern 56. SHA'BESDIKE de shabbat/Sabbath 57. PERETS I.L. Peretz 58. I. B. Singer.




אַ סדר־טעלער פֿון אונגאַרן פֿון 19טן יאָרהונדערט © D. R.

# פסח[1] : „און זאָלסט דערציילן דײַן זון...“

פסח איז דער יום־טובֿ[2] פֿון באַפֿרײַונג[3], אַ ברייטע און דערהויבענע טעמע וואָס מע קען באַנעמען און טײַטשן אַנדערש לויט דער צײַט, אָרט און אומשטאַנדן[4].
נישט נאָר ייִדן האָבן געשפּירט דעם כּוח[5] פֿון אָט דער געשיכטע. וויפֿל קינסטלער, מוזיקער, מאָלער, קינאָ־רעזשיסאָרן – פֿון הענדלס אָראַטאָריע ביז סעסיל ב. דע מילס ביבלישע עפּאָסן[6] – האָבן געפֿונען אינספּיראַציע אין די דראַמאַטישע עפּיזאָדן פֿון יציאת־מצרים[7] ! אין דער צײַט פֿון שקלאַפֿערײַ[8] אין אַמעריקע האָבן די שוואַרצע שקלאַפֿן (וואָס האָבן געקענט די ביבל) געזען אין דער פּסח־געשיכטע אַ האָפֿענונג אויף זייער אייגענער באַפֿרײַונג. ווען זיי זינגען „נידער אַראָפּ, משה[9], נידער אין מצרים און זאָג אָן דעם אַלטן פּרעהן[10] – לאָז אַרויס מײַן פֿאָלק !“ איז קלאָר אַז משה איז דער אויסגעבענקטער גואל[11] וואָס וועט ברענגען די עמאַנציפּאַציע.
דאָס פֿײַערן פּסח ווערט טאַקע אָנגעזאָגט[12] אין תּנך[13] : „און זאָלסט דערציילן דײַן זון אין יענעם טאָג [...] מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט דיך גאָט אַרויסגעצויגן פֿון מצרים. און זאָלסט אָפּהיטן דאָס דאָזיקע געזעץ אין זײַן געשטעלטער צײַט פֿון יאָר צו יאָר“ (שמות[14] י״ג, 8-10). „דו זאָלסט דערציילן“ זעצט איבער דאָס העברעיִשע וואָרט „והגדת“[15], וואָס פֿון דעם קומט די „הגדה של פּסח“[16], דער טעקסט וואָס מע לייענט בײַם סדר[17]. אַזוי ווי ס'איז וויכטיק אַז יעדער איינער זאָל פֿאַרשטיין די הגדה, האָט מען דאָס איבערגעזעצט אויף אַלערלײ שפּראַכן. אויך די לידער זינגט מען אי אויף העברעיִש אי אויף די אָרטיקע[18]

[סוף זײַט 8]

1. PEYSEKh Pâque/Passover 2. YONTEV fête/holiday 3. libération 4. circonstances/circumstances 5. KOYEKh force/strength 6. épopées/epics 7. YETSIES-MITSRAIM la sortie d'Égypte/exodus from Egypt 8. esclavage/slavery 9. ... MOYShE “Go down, Moses...” 10. PAREN à Pharaon *(datif)*/to Pharoah *(dative)* 11. ... GOEL rédempteur longuement espéré/long-awaited redeemer 12. annoncé/announced 13. TANA'Kh la Bible juive/Jewish Bible 14. ShMOYS Exode/Exodus (13 : 8-10) 15. VEHIGA'DETO tu raconteras à ton fils/thou shalt tell thy son 16. HAGODE ShEL PEYSEKh la Haggada de Pâque/the Passover Haggada 17. SEYDER Seder 18. locales/local

ווען מע האָט אַרויסגעטריבן די ייִדן פֿון שפּאַניע אין 1492 האָבן די וואָס זײַנען געבליבן זיך געמוזט שמדן[1]. אָבער בסוד[2] האָבן אַ סך פֿון זיי אָנגעהאַלטן ייִדישקייט און געפּרוּווט פּראַווען די יום־טובֿים[3]. אָט די באַהאַלטענע ייִדן האָט מען געגעבן דעם נישט שיינעם נאָמען מאַראַנען[4] (וואָס מיינט חזירים[5]). בײַ ייִדן האָט מען זיי גערופֿן אַנוסים[6], דאָס הייסט „געצוווּנגענע“[7]. (מער וועגן די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל, זעט זײַט 6). דאָס ליד „זאָג, מאַראַן“ איז אַ טייל פֿונעם סדר פֿון אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע.

## זאָג, מאַראַן

### פֿון אַבֿרהם רייזען[8]

זאָג, מאַראַן, דו ברודער מײַנער,
ווּ איז גרייט דער סדר[9] דײַנער ?
– אין טיפֿער הייל[10], אין אַ חדר[11],
דאָרט האָב איך געגרייט מײַן סדר.

זאָג, מאַראַן, מיר, ווּ, בײַ וועמען
ועסטו ווײַסע מצות[12] נעמען ?
– אין דער הייל, אויף גאָטס באַראָטן[13]
האָט מײַן ווײַב דעם טייג[14] געקנאָטן[15].

זאָג, מאַראַן, ווי וועסט זיך קליגן[16],
אַ הגדה[17] ווּ צו קריגן ?
– אין דער הייל אין טיפֿע שפּאַלטן[18],
האָב איך זי שוין לאַנג באַהאַלטן.

זאָג, מאַראַן, ווי וועסט זיך ווערן[19],
ווען מען וועט דײַן קול[20] דערהערן ?
– ווען דער שׂונא[21] וועט מיך פֿאַנגען[22],
וועל איך שטאַרבן מיט געזאַנגען.

1. ShMADN se convertir/convert 2. BESO'D en secret/in secret 3. ... YONTOYVIM célébrer les fêtes/observe holidays 4. marranes/Marranos 5. KhAZEYRIM cochons/pigs 6. ANUSIM convertis de force/Jews converted by force 7. “forcés”/forced 8. Avrom Reyzen (1876-1953) 9. SEYDER Seder 10. grotte/cave 11. KhEYDER pièce/room 12. MATSES pain azyme/matsos 13. à la grâce de Dieu/at God's mercy 14. pâte/dough 15. pétri/kneaded 16. trouver un expédient/rack your brains 17. HAGODE Haggada 18. crevasses, fentes/cracks, crevices 19. te défendre/defend yourself 20. KOL voix/voice 21. SOYNE ennemi/enemy 22. capturer/capture.

# פּסחי[1] – פֿון סדר[2] ביז אַנאַרכיע

אין דער פּסחדיקער הגדה[3] איז איינס פֿון די באַקאַנטסטע לידער „אחד מי יודע“[4], וואָס גיט צו פֿאַרשטיין די טראַדיציאָנעלע ייִדישע סימבאָליק פֿון די צאָלן[5]. אָט איז איין ווערסיע גענומען פֿון אַ הגדה אויף ייִדיש. די צווייטע ווערסיע (זע אונטן) איז אַ געוואַגטע[6] פּאַראָדיע פֿונעם טראַדיציאָנעלן טעקסט. דאָס קומט פֿון אַן אַנאַרכיסטישער „הגדה“ פּובליצירט אין לאָנדאָן אין 1887. דעמאָלט איז די ייִדישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד געווען גאָר שטאַרק. זיי פֿלעגן אַרויסגעבן אייגענע צײַטונגען, בראָשורן און ביכער אויף ייִדיש. זייער שפּראַך איז געווען זייער דײַטשמעריש[7]. אין דער דאָזיקער פּאַראָדיע האָבן מיר נישט געביטן די דײַטשמערישע ווערטער, נאָר מאָדערניזירט דעם אויסלייג[8].

## ווער ווייס איינס ?



איינס איז גאָט

ווער ווייס איינס ? איינס ווייס איך : איינס איז גאָט.

ווער ווייס צוויי ? צוויי ווייס איך : צוויי זײַנען די לוחות[9].

ווער ווייס דרײַ ? דרײַ ווייס איך : דרײַ זײַנען די אָבֿות[10].

ווער ווייס פֿיר ? פֿיר ווייס איך : פֿיר זײַנען די אמהות[11].

ווער ווייס פֿינף ? פֿינף ווייס איך : פֿינף זײַנען די חומשים[12] פֿון דער תּורה[13].

ווער ווייס זעקס ? זעקס ווייס איך : זעקס זײַנען די סדרים[14] פֿון מישנה[15].

ווער ווייס זיבן ? זיבן ווייס איך : זיבן זײַנען די טעג פֿון דער וואָך.

ווער ווייס אַכט ? אַכט ווייס איך : אַכט זײַנען די טעג פֿאַר מילה[16].

ווער ווייס נײַן ? נײַן ווייס איך : נײַן זײַנען די חדשים[17] פֿון טראָגן[18].



צוויי זײַנען די לוחות

ווער ווייס צען ? צען ווייס איך : צען זײַנען די צען געבאָט[19].

ווער ווייס עלף ? עלף ווייס איך : עלף זײַנען די עלף שטערן פֿון וועלכע יוסף[20] האָט געחלומט[21].

ווער ווייס צוועלף ? צוועלף ווייס איך : צוועלף זײַנען די שבֿטים[22].

ווער ווייס דרײַצן ? דרײַצן ווייס איך : דרײַצן זײַנען די מידות[23] פֿון גאָט.

## איינס ווער ווייס ? (אַנאַרכיסטישע ווערסיע)



דרײַ זײַנען די אָבֿות

איינס ווער ווייס ? איינס ווייס איך : איין ערלעכער[24] מאַן איז דער אַרבעטער.

5

צוויי ווער ווייס ? צוויי ווייס איך : צוויי טייל פֿון אַרבעטערס האָרעוואַניע[25] נעמען די ליידיק־גייער[26].

דרײַ ווער ווייס ? דרײַ ווייס איך : דרײַ טויזנט רעליגיאָנען גיבן[27] אויף דער וועלט.

פֿיר ווער ווייס ? פֿיר ווייס איך : ערגער ווי פֿיר־פֿיסיקע[28] זײַנען די קאַפּיטאַליסטן.

פֿינף ווער ווייס ? פֿינף ווייס איך : אַ פֿינף־פֿאַכיקער ליגן[29] אַז די וועלט שטייט פֿינף טויזנט יאָר.

זעקס ווער ווייס ? זעקס ווייס איך : זעקס סדרי מישנה[30] און איינס צום צווייטן קומט ניט[31].

זיבן ווער ווייס ? זיבן ווייס איך : שוין צײַט צו האָבן אַ שיבֿעה[32] נאָך אַלע אונטערדריקערס[33].

אַכט ווער ווייס ? אַכט ווייס איך : פֿון אַכט טעג אַ ייִנגעלע לײַדט שוין פֿון רעליגיאָן.

נײַן ווער ווייס ? נײַן ווייס איך : נײַן מאָנאַט סלעק[34] און דרײַ מאָנאַט אַרבעטן ביזן טויט.

צען ווער ווייס ? צען ווייס איך : פֿון משהס[35] צען געבאָט איז געוואָרן אַ תּרי״ג[36].

עלף ווער ווייס ? עלף ווייס איך : עלף ברידער הענדלער[37] קענען נאָר רבנים[38] און בטלנים[39]
פֿאַרגלײַכן מיט עלף שטערן[40].

צוועלף ווער ווייס ? צוועלף ווייס איך : פֿון די צוועלף שבֿטים[41] איז געבליבן „גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק“[42].

דרײַצן ווער ווייס ? דרײַצן ווייס איך : אויף דרײַצן טויזנט כּפּרות טויג[43] די הײַנטיקע געזעלשאַפֿט[44].

1. PEYSEKh Pâque/Passover 2. SEYDER Seder 3. HAGODE Haggada 4. EKHOD MI YODEYE Qui sait “Un” ?/Who knows “One”? 5. nombres/numbers 6. osé/daring 7. germanisé/germanized 8. orthographe/spelling 9. LUKhES Tables de la Loi/tables of the Law 10. OVES Patriarches/Patriarchs 11. IMOES matriarches/matriarchs 12. KhUMOShIM cinq livres/five books 13. TOYRE Torah 14. SEDORIM (six) parties/(six) sections 15. MIShNE Mishna 16. MILE circoncision/circumcision 17. KhADOShIM mois/months 16. grossesse/pregnancy 19. commandements/commandments 20. YOYSEF Joseph 21. GEKhOLEMT rêvé/dreamed 22. ShVOTIM tribus/tribes 23. MIDES attributs/characteristics. 24. honnête/honest 25. dur labeur/toil 26. oisifs, fainéants/idlers 27. *germanisme/germanism* זײַנען דאָ 28. quadrupèdes/four-footed animals 29. quintuple mensonge/five-fold lie 30. … SIDRE MIShNE six parties de la Mishna/six parts of the Mishna 31. n’a rien à voir avec/has nothing to do with 32. … ShIVE faire le deuil de 7 jours/observe the 7 days of mourning 33. oppresseurs/oppressors 34. morte saison (de l’anglais *slack*)/“slack” season 35. MOYShES de Moïse/Moses’s 36. TARYAG 613 (commandements)/613 (commandments) 37. commerçants/merchants 38. RABONIM rabbins/rabbis 39. BATLONIM bons à rien (hommes inoccupés qui passent leur temps à la synagogue)/loafers (who sit all day at the synagogue 40. Joseph voit ses frères comme onze étoiles dans son rêve/Joseph sees his brothers in a dream as eleven stars 41. ShVOTIM tribus/tribes, *sing.* שבֿט ShEYVET 42. am-stram-gram, rien du tout/*nonsense rhyme* nothing at all 43. … KAPORES… טויגן אויף כּפּרות être bon pour la poubelle/to be utterly worthless 44. société/society.

# אַרכעאָלאָגן אַנטפּלעקן[1] סודות[2]

## אַלטע געהיימע[3] שיל[4] אַנטדעקט[5] אין פּאָרטוגאַל

די פֿאַרגאַנגענע וואָך האָט דער זשורנאַל „נאַטור“ איבערגעגעבן, אַז מיט צוויי חדשים[6] צוריק האָבן די בוי־אַרבעטער[7] פֿון דער פּאָרטוגאַלישער ים־שטאָט[8] פּאָרטאָ אַנטדעקט אַ געהיימע שיל, באַהאַלטן הינטער אַ פֿאַלשער וואַנט פֿון אַ שטיינערנעם בנין[9]. דאָס אָרט, ווו די שיל האָט זיך געפֿונען, איז אַ טייל פֿונעם אַמאָליקן ייִדישן קוואַרטאַל. אַגאָסטינאָ זשאַרדים מאָרייראַ, אַ קאַטוילישער גלח[10] און אַ היסטאָריקער, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיטן בוי־פּראָיעקט, מיטן פּלאַן צו פֿאַרוואַנדלען[11] דעם אַלטן בנין אין אַ מושבֿ־זקנים[12], האָט איבערגעגעבן, אַז ווען די בויער האָבן אים דערציילט וועגן דער מאָדנער וואַנט, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זי באַהאַלט „עפּעס אַ ייִדישן סימבאָל“. הינטער דער וואַנט האָט זיך באַוויזן אַ צימער, אַן ערך[13] 5 פֿוס די הייך[14], מיט אַן אָרון־קודש[15] אויף דער מיזרחדיקער[16] זײַט. די געשיכטע־עקספּערטן מיינען, אַז די שיל איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אינעם 16טן יאָרהונדערט, ווען די פּאָרטוגאַלישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו רודפֿן[17] ייִדן. נאָכן גירוש־ספֿרד[18] זענען בערך[19] 60 000 שפּאַנישע ייִדן אַנטלאָפֿן קיין פּאָרטוגאַל. אינעם יאָר 1496 האָט דער פּאָרטוגאַלישער קעניג, מאַנועל דער ערשטער, אויך באַשלאָסן צו פֿאַרטרײַבן אַלע ייִדן. אַ טייל פֿון די אָרטיקע ייִדן האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט[20] צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך פֿאָרמעל געשמדט[21], הגם[22] באַהאַלטענערהייט האָבן זיי ווײַטער אָפּגעהיט זייער רעליגיע, אַזוי ווי די שפּאַנישע מאַראַנען[23]. אַחוץ[24] דער איצט געפֿונענער שיל אין פּאָרטאָ, האָבן די אַרכעאָלאָגן אין פּאָרטוגאַל געפֿונען דערווײַל בלויז צוויי אַזעלכע געהיימע בתּי־תּפֿילה[25].


זשאַרדים מאָריירא ווײַזט דעם אָרון־קודש פֿון דער געוועזענער געהיימער שיל אין דער שטאָט פּאָרטאָ

1. dévoilent/reveal 2. SOYDES secrets 3. secret 4. שיל/שול synagogue 5. découvert/discovered 6. KhADOShIM mois/months 7. ouvriers (de chantier)/construction workers 8. YAM ... port 9. BINYEN bâtiment/building 10. GALEKh prêtre/priest 11. transformer/transform 12. MOYSHEV-SKEYNIM maison de retraite/home for the aged 13. ... EREKh environ/about 14. 1,50 m de haut/5 feet high 15. ORN-KOYDESh arche sainte (pour les rouleaux de la Torah)/holy ark (for the Torah scrolls) 16. MI'ZREKhDIKER oriental/eastern 17. RO'YDEFN persécuter/persecute 18. GEYRESh-SFARD expulsion des Juifs d'Espagne en 1492/expulsion of the Jews from Spain in 1492, *syn.* גירוש־שפּאַניע 19. BEEREKh environ/about 20. refusé/refused 21. GEShMA'T se sont convertis/converted 22. HAGA'M bien que/although 23. marranes/Marranos 24. AKhU'TS à part/aside from 25. BOTE-TFILE maisons de prière/prayerhouses.



### איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר
איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : .................................................... קרעדיט־קאַרטע־נומער : ..................................
אַדרעס : .................................................... אויסגאַנג[4]־דאַטע : ..................................
....................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA
בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# פֿוטער[1] פֿאַרקויפֿט זיך ווי מצה־וואַסער[2]



נישט געקוקט אויף[3] די פּראָטעסטן פֿון אַקטיוויסטן פֿאַר די רעכט פֿון חיות[4], האָט דער מאַרק פֿאַר פֿוטער אין די פֿאַרגאַנגענע פּאָר יאָר עקספּלאָדירט. די פֿריִע 90ער יאָרן זענען געווען שווערע צײַטן פֿאַר דער פעלץ[5]־אינדוסטריע, איבער דעם שוואַכן עקאָנאָמישן מצבֿ[6] אַרום דער וועלט, ווי אויך איבער דער פֿאַרשפּרייטער מיינונג, אַז די אינדוסטריע באַהאַנדלט די חיות שלעכט. זינט דעמאָלט האָט זיך ממשותדיק[7] פֿאַרבעסערט די עקאָנאָמיע, און דער נאָכפֿרעג[8] אויף פֿוטער וואַקסט אומעטום. באַזונדערס אין אַזיע, אין כינע און קאָרעע, ווּ די צאָל רײַכע מענטשן שטײַגט אַסטראָנאָמיש, פֿאַרקויפֿט זיך פֿוטער ווי מצה־וואַסער. אין אַלאַסקע און אין קאַנאַדע איז עס אויך פּאָפּולער, ווײַל פֿון דאָרטן שטאַמען[9] ס׳רובֿ[10] פעלצן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען פֿאַרקויפֿט אַ ווידרע[11]־פעלץ פֿאַר 50 דאָלאַר, הײַנט באַקומט מען שוין 125 אָדער 150 דאָלאַר.

[...] בײַ די חסידישע[12] ייִדן איז דער מאַרק פֿאַר פֿוטער אויך געוואַקסן, אַזוי אַרום אַז אַ שטרײַמל[13] קען הײַנט קאָסטן פֿון צוויי ביז פֿינף טויזנט דאָלאַר, און דערצו דאַרף מען אויך האָבן אַ רעגן־שטרײַמל, וואָס קאָסט ווײַטער טויזנט אָדער פֿופֿצן־הונדערט דאָלאַר. פּוילישע חסידים, ווי די גערער[14] און די אַמשינאָווער[15], טראָגן אַ ספּאָדיק[16], אויך געמאַכט פֿון פֿוטער וואָס קאָסט עפּעס ביליקער. צוליב דעם הויכן פּרײַז פֿון פֿוטער האָט דער גערער רבי[17] געפּסקנט[18], אַז זײַנע חסידים זאָלן נאָר קויפֿן ספּאָדיקעס געמאַכט פֿון פֿאַלשן פֿוטער, וואָס קאָסטן אונטער 600 דאָלאַר. ווער ווייסט – אפֿשר וועט דער רבי מיט די אַקטיוויסטן צוזאַמען בײַטן די מאָדע ?

1. fourrure/fur 2. ... MATSE-... comme des petits pains/like hotcakes 3. malgré/despite 4. KHAYES animaux/animals 5. peau/pelt 6. MATSEV situation 7. MAMO'SHESDIK vraiment/substantially 8. demande/demand (*ant.* דער אָנבאָט offre/supply) 9. proviennent/originate 10. S'ROV la plupart/most 11. loutre/otter 12. KHSI'DISHE hassidiques/hasidic 13. chapeau rond bordé de fourrure/round fur-trimmed hat 14. disciples du rabbi qui siégeait à Ger (Gora Kalwaria)/followers of the rabbi of Ger (Gora Kalwaria) 15. disciples du rabbi qui siégeait à Amshinov (Mszczonow)/followers of the rabbi of Amshinov (Mszczonow) 16. genre de toque en fourrure/high fur cap 17. REBE 18. GEPASKNT ordonné/ordered.



## היט און היטלעך

| | |
|---|---|
| דער הוט (היט) | chapeau/hat |
| דאָס היטל (עך) | chapeau, casquette/hat, cap |
| דער קאַ׳פּעליוש (ן) | feutre/felt hat |
| דער צילינדער (ס) | haut-de-forme/top hat |
| דער קאַשקע׳ט (ן) | casquette/cap *illustration 5* |
| די קוטשמע (ס) | chapeau de fourrure/fur hat |
| דער ספּאָדיק (עס) | *illustration 3* |
| דער שטרײַמל (עך/ען) | *illustration 2* |
| די יאַ׳רמלקע (ס), דאָס קאַפּל (עך) | kippa *illustration 4* |
| די מיצקע (ס)/דאָס מיצל (עך/ען) | bonnet/knitted or cloth cap |
| די קאָפּקע (ס)/דער טשיפּיק (עס)/ | coiffe/woman's head covering |
| די הויב (ן)/דאָס הײַבל (עך) | *illustration 1* |
| דער ראַנד (ן) | bord/brim |
| דער דאַשיק (עס/דאַשקעס) | visière/visor |











1
2
3
4
5

Toutes illustrations © D. R.

### א פּאָר אויסדרוקן מיט היטלעך

די בלויע יאַרמלקע : אַ מעטאַפֿאָר פֿאַרן הימל.

זי גייט אין ספּאָדיק : זי קאָמאַנדעוועט[1].

דריי מיר נישט קיין ספּאָדיק : דול מיר נישט קיין קאָפּ[2].

רעד צום דאַשיק : מעגסט רעדן, איך וויל דיך נישט הערן.

אויס קאַפּעליוש־מאַכער ! : געזאָגט וועגן אַ מענטש וואָס האָט זיך שוין צוריקגעצויגן[3] פֿון די געשעפֿטן.

1. elle commande, porte la culotte/she commands, wears the pants 2. ne me casse pas les pieds/don't drive me nuts 3. retiré/retired.

[סוף פֿון זײַט 4]



סדר (בילד פֿון אַ הגדה פֿון 14טן יאָרהונדערט)

© D. R.

שפּראַכן. די ספֿרדישע[19] ייִדן אין בולגאַריע פֿלעגן זינגען לידער אויף דזשודעזמע[20], מיט אַן איבערזעצונג אויף טערקיש פֿאַר די עלטערע מענטשן און אויף בולגאַריש פֿאַר דעם יונגן דור[21]. אינעם אינהאַלט פֿון סדר זײַנען דאָ קליינע אונטערשיידן. צום בײַשפּיל, „חד גדיא“[22], וואָס שטאַמט פֿון אַ דײַטשיש ליד, זינגט מען בלויז בײַ אַשכּנזים[23]. בײַ די ייִדן פֿון מאַראָקאָ, און אויך פֿון קאַווקאַז[24], פֿירט מען אויף[25] סצענעס פֿון דער פּסח־געשיכטע – אַ מין „פּסח־שפּיל“, אַזוי ווי די פּורים־שפּילן.

זייער אַ באַזונדערער פֿאַל[26] זײַנען די מאַראַנען[27], די באַהאַלטענע ייִדן פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. געצווּנגען צום שמד[28], האָבן זיי געפּרוּווט בלײַבן ייִדן בסוד[29] און פּראַווען די יום־טובֿים[30]. אָן אַ לוח[31] און אָן אַ רבֿ[32] האָבן זיי נישט געוווּסט ווען ס'פֿאַלט אויס פּסח, האָבן זיי באַשטימט צו פּראַווען דעם סדר בײַ דער פֿולער לבֿנה[33] פֿון מאַרץ. און כּדי[34] אָפּצונאַרן די שפּיאָנען פֿון דער אינקוויזיציע, האָבן זיי פֿון מאָל צו מאָל געהאַלטן דעם סדר מיט צוויי טעג פֿריִער.

אין די מאָדערנע צײַטן, ווען ס'האָבן זיך פֿאַרמערט די אידעאָלאָגיעס, האָט מען זיך אינספּירירט פֿון דער טראַדיציאָנעלער מעשׂה[35] כּדי צו שאַפֿן נײַע „הגדות“. די ציוניסטישע[36] הגדות, צום בײַשפּיל, לייגן דעם טראָפּ[37] אויף דעם אויפֿבוי פֿון מדינת־ישׂראל[38]. אין די אַנאַרכיסטישע קרײַזן סוף[39] 19טן יאָרהונדערט האָט מען איבערגעמאַכט די הגדה לויט דער אַנטיקאַפּיטאַליסטישער אידעאָלאָגיע (זעט ז' 5). אַ סך וועלטלעכע[40] ייִדן האָבן מער נישט געוואָלט פֿאָלגן די אַלטע מינהגים[41], נאָר זיי האָבן יאָ געוואָלט פּראַווען אַ סדר. דער אַרבעטער־רינג[42] אין אַמעריקע פּראַוועט ביז הײַנט צו טאָג אַ באַזונדערן סדר, אין גאַנצן אויף ייִדיש, מיט אַ פּאָר טראַדיציאָנעלע עלעמענטן דורכגעפֿלאָכטן[43] מיט לידער פֿון אַ. רייזען (זעט ז' 4), י. ל. פּרץ[44], ש. אַנ–סקי, מ. וואַרשאַווסקי און אַנדערע.

19. SFA'RDISHE séfarades/Sephardic 20. judéo-espagnol/Judeo-Spanish 21. DOR génération 22. KHAD GADYO "Un chevreau"/"A kid" 23. ASHKENAZIM ashkénazes/Ashkenazi 24. Caucase/Caucasus 25. on joue/act out 26. cas particulier/special case 27. marranes/Marranos 28. SHMAD conversion 29. BESO'D en secret/in secret 30. ... YONTOYVIM célébrer les fêtes/observe the holidays 31. LUEKH calendrier juif/Jewish calendar 32. ROV rabbin/rabbi 33. LEVONE lune/moon 34. KEDE'Y afin de/in order to 35. MAYSE histoire/story 36. TSIENI'STISHE sionistes/Zionist 37. soulignent/emphasize 38. MEDINES-YISROEL l'État d'Israël/the state of Israel 39. SOF fin de/end of 40. laïques/secular 41. MINHOGIM coutumes/customs, *sing.* מינהג MINHEG 42. Workmen's Circle 43. entremêlés/interwoven 44. PERETS I. L. Peretz.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַניק, יצחק, מאַרי,
נאַטאַליאַ, עוולין, פּאָל, רובי.



DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com


# קאַטשקעס[1] און קאַטשקעס



אַ קאַטשקע איז אַ פֿויגל וואָס שווימט אויפֿן וואַסער און קוואַקעט[2]. אין זשורנאַליסטישן סלענג אָבער רופֿט מען קאַטשקע אַ מין שפּאַס, אַ שפּיצל[3], אַ פֿאַלשע בשׂורה[4] וואָס אַ צײַטונג טראַכט אויס כּדי[5] אָפּצונאַרן[6] די לייענערס, צו טרײַבן קאַטאָוועס[7]. מוזן מיר מעלדן אונדזערע טײַערע לייענערס אַז אַזאַ שפּיצל האָבן מיר אָפּגעטאָן. די ערשטע זײַט פֿון אונדזער פּורים־נומער איז געווען אַ גרויסע קאַטשקע ! טאָ זײַט זשע נישט צו אַנטוישט[8], ס'איז ניטאָ קיין כּתבֿ־יד[9] פֿון באַשעוויס־זינגער, ניטאָ קיין פֿרוי „ליגנערינסקאַ“[10] אין וואַרשע און ניטאָ קיין רויטע ייִדעלעך אויפֿן פּלאַנעט מאַרס ! דאָס איז אַלץ געווען לכּבֿוד[11] פּורים, ווען ס'איז גאָר פּאַסיק[12] צו שפּאַסן און שפּאָטן[13] און פֿאַרפֿירן[14] דעם עולם[15]. דער שולדיקער[16] אין דעם איז געווען דער פּורים־לץ[17] וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אונדז אין דער רעדאַקציע און געטאָן אַלץ וואָס ס'האָט זיך אים געגלוסט[18] !

1. canards/ducks 2. cancane/quacks 3. farce/prank 4. PSURE nouvelle/item of news 5. KEDE'Y afin de/in order to 6. tromper/to fool 7. plaisanter/to joke 8. déçus/disappointed 9. KSAV-YA'D manuscrit/manuscript 10. jeu de mots sur ליגנער(menteur)/pun on ליגנער(liar) 11. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 12. approprié/suitable 13. se moquer/to mock 14. tromper/mislead 15. OYLEM public 16. coupable/guilty one 17. ...-LETS génie moqueur de Pourim/Purim clown 18. avait envie/felt like.